שנה ג'
נומער קכ"ג
**פרשת אחרי**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



# מצות באקן ערב פסח

## אין קרית ברסלב ליבערטי

**א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א:**
**א דוגמא פון א תלמיד היכל הקודש**

**נייעס:**
**פסח אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א**

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:**
**איך וויל מער נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן**



**א סדר אין תלמוד תורה קרית ברסלב**

קרית ברסלב בלומעל

ברוין
צו דער רעדאקציע


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**



**צו באקומען די וועכנטליכע קריה ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בילדער אפטיילונג

איך וויל מיך באדאנקן פאר דעם הערליכן אויסגאבע וואס איר האט ארויס געגעבן לכבוד יום טוב פסח, איך האב מיך באמת נישט געראכטן אויף אזא שיינע אינהאלטסרייכע אויסגאבע.

ס'איז אינטערסאנט צו זעהן בשעת איך גיי הפצה, אז מענטשן ווערן צו דעם צוגעקלעבט גאר שטארק, צוליב דעם וואס די בלעטל איז אהערגעשטעלט קאליר'דיג און ציענדיג, אזוי ווי די היינטיגע אויסגאבעס, מען קוקט אויב קיינער זעהט נישט, מען לייגט עס אריין אין טאש און מען גייט ארויס, דערנאך ליינט מען עס אדורך פון אנהייב ביז'ן סוף.

איך טראכט אז עס וואלט געווען בעסער מען זאל לייגן מער בילדער פון יעדן מעמד, ווייל אז ס'איז דא מער בילדער האבן מענטשן סאך מער הנאה.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר דעם הערליכן אויסגאבע, דער אייבערשטער זאל אייך געבן אסאך כח, ממשיך צו זיין מיט די הייליגע ארבעט.

## זמנים Liberty

הדלקת הנרות........07:36
מוצאי שבת ........... 09:07

**פרשת אחרי כ"ט ניסן תשפ"ב**

מנחה מעריב פרשת קדושים...08:30

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 29 | 50°/33° | | Sunny |
| Sat 30 | 55°/34° | | Mostly Sunny |
| Sun 01 | 58°/40° | | Partly Cloudy |
| Mon 02 | 59°/42° | | PM Showers |
| Tue 03 | 61°/41° | | Mostly Cloudy |
| Wed 04 | 58°/41° | | Partly Cloudy |
| Thu 05 | 58°/43° | | Showers |
| Fri 06 | 58°/42° | | AM Showers |

בעזרת השם יתברך

## בית התבשיל קרית ברסלב ליבערטי

מיר ווילן זיך הערצליך באדאנקן פאר אפאר חשובע אינגעלייט וואס געבן זיך אוועק א גאנץ יאר פאר'ן שטעטל, ובפרט יעצט לכבוד יום טוב פסח האבן זיי גאר שווער געארבעט ס'זאל זיין שפע פאר אלע תושבי העיר פון קרית ברסלב ליבערטי

### מו"ה ליפא שווארץ הי"ו

### מו"ה חיים יודל שווארץ הי"ו

### מו"ה שמעון פאזען הי"ו
### מנהל רבי ישעי'לעס קאך אין וויליאמסבורג

דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס, בני חיי ומזוני רויחי, מיט אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**בית התבשיל בשם אלע הונדערט משפחות אין שטעטל**

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה יום טוב פסח ?

## פון רעכטס צו לינקס.

6. נישט קיין חילוק ווי ווייט א מענטש איז _____, קען ער זיך צוריקקערן צום אייבערשטן

7. מיר קענסטו נאר העלפן אויב דו האסט נישט _____ אנדערע אידן

9. דער אייבערשטער ווייסט דער _____ פארוואס נאר איך ווייס פון אזא רבי

10. מען קומט אפ אזויפיל _____ דורך בזיונות

12. בענטש ברכת המזון דוקא פון א _____, וועסטו האבן פרנסה בריוח

13. מען מוז רעדן שיין צו די ווייב, קיינמאל זיך נישט _____ מיט איר

14. ענדערש זיין פון די נרדפים, ווי איידער זיין פון די _____

15. געדענקען די מצוה פון כיבוד אב ואם, נישטא קיין שום אנדערע _____

17. דער רבי לאזט נישט _____

18. ווען עס בענקט צו זיין _____, דער איז זייער חשוב אויבן אין הימל

19. ווען א מענטש איז פריילך, היט אים דער אייבערשטער אפ פון אלע _____

## פון אויבן אראפ.

1. מען קען עסן, שלאפן, זיין א מענטש צווישן מענטשן, און זיין _____ צום אייבערשטן

2. זאגט די _____ גמרא, זאגט די הייליגע פסוק

3. הערט אויף זיך פיינט האבן, לאזט אפ די _____ איינער צום צווייטן

4. פאר די צוויי _____ וואס דו האסט מיר געגעבן, וועסטו האבן צוויי קינדער

5. איך האב באקומען ביי מוהרא"ש צו קענען _____ מיט'ן אייבערשטן ווי מיט א גוטער פריינט

8. אין ספר _____ _____ קען מען זען דער גאנצער סדר ביז משיח וועט קומען

11. יעדער מענטש האט זיינע תאוות, מיין תאוה איז _____

12. שנייד נישט דיין _____, אפילו נישט א משהו

16. די אייגנארטיגקייט פון מוהרא"ש איז געווען אויסצולערנען יעדן צו ווערן א ____ צדיק



# שטעטל נייעס

## הערליכע יום טוב פסח פאריבער אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



גאר א שיינעם יום טוב איז פאריבער אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט בלייבן איינגעקריצט א לאנגע צייט.

### - הכנות צו פסח -

עטליכע טאג פאר פסח פארגעקומען א גאר גרויסע חלוקה דורכ'ן בית התבשיל, וואס ווערט אנגעפירט דורך ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, ווי מען האט פארטיילט גאר נוצבארע פראדוקטן לכבוד יום טוב. דאס איז אויסער די צענדיגליגע טויזנטער וואס ער האט אויסגעטיילט אין די גראסעריס דירעקט צו די אקאונטס פון די נויטבאדערפטיגטע.

אין חדר האבן די מלמדים געפראוועט א שיינעם "סדר" מיט די טייערע קינדער. די מלמדים און די קינדער זענען געקומען אין חדר אנגעטון שיין יום טוב'דיג, און מען האט אראפגעלייגט א סדר פון אנהייב ביזן סוף, עס האט אריינגעברענגט דעם געשמאק פון יום טוב אין די קינדערלעך. דער חשובער מענעזשער פון חדר האט סורפרייזט די חשובע קינדער אינמיטן די סדר, ווען ער איז פלוצלינג אריינגעקומען מיט א לעבעדיגע שעפסעלע, און מען האט געוויזן פאר די קינדער וויאזוי מען האט צוגעגרייט די שעפסעלע צו שחט'ן פאר דעם קרבן פסח. אזוי אויך האבן די קינדער באזוכט ביים מצה בעקעריי, ווי מען האט זיי געוויזן די גאנצע פראצעדור וויאזוי די הייליגע מצות ווערן געבאקן פאר'ן הייליגן יום טוב.

זונטאג נאכט בעפאר פסח האט דער דיין שליט"א פארגעלערענט א שיעור כללי אין הלכות פסח און האט מיט א געוואלדיגע קלארקייט מסביר געווען אלע וויכטיגע הלכות און דינים הלכה למעשה וויאזוי זיך צו גרייטן צום יום טוב. אויך איז דער דיין שליט"א געזיצן יעדע נאכט אין בית המדרש, און ארויסגעהאלפן דעם ציבור און איבערגעגאנגען אלע פרטים מיט יעדעם באזונדער און געהאלפן מיטן פארקויפן די חמץ פארן גוי.

עטליכע טעג פאר יום טוב איז שוין דער ראש ישיבה ארויסגעקומען אין שטעטל, כדי צו קענען זיך איינרישן צום הייליגן יום טוב פסח. סיי מאנטאג און סיי דינסטאג אינדערפרי איז דער ראש ישיבה מיטגעפארן מיטן באס וואס פירט די קינדער אין חדר, און באגריסט יעדן קינד מיט א פריילעכן "גוט מארגן", פון וואס די קינדער האבן אויפגעלעבט, זעענדיג אז דער ראש ישיבה פארט מיט זיי צוזאמען אין חדר אריין.

דער ראש ישיבה האט באזוכט אין די חדרים בשעת די קינדער האבן געלערנט, און זייער הנאה געהאט צו זען ווי מען לייגט אריין אין די קינדער א געשמאק צו תורה ומצוות.

דינסטאג האט דער ראש ישיבה באזוכט אין אפיס פונעם "פעסט בילד" פירמע, איבערגיין די פלענער פונעם געביידע וואס מען האט לעצטענס אפגעקויפט הארט נעבן די בנין המוסדות, און געזען וויאזוי מען זאל עס אויסשטעלן אויפן בעסטן וועג וואס שייך.

אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם "אינגל קעמפ" וואס מען פלאנט יעצט אפצוקויפן, מען ווארט נאך עס זאל זיין גענוג תפילות אויף דעם. (ביי איינע פון די שיעורים חול המועד, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז "אויב איינער האט געלט אוועקגעלייגט, און איז גרייט דאס צו בארגן פאר דריי יאר כדי צו קענען אפקויפן די קעמפ, זאל זיך מעלדן צום ראש ישיבה").

דינסטאג אינמיטן טאג איז פארגעקומען די ברית ביי האברך ר' יצחק אביש הי"ו פון בלומינגראוו, דער ראש ישיבה איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און זאגן די ברכות ויקרא שמו בישראל "נתנאל" נרו יאיר. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת.

ביים סעודת ברית האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער און ארויסגעברענגט דאס וואס דער רבי זאגט (ספר

<<<<

המדות אות מוהל, סימן א): "צריך לחזור אחר מוהל צדיק, וירא שמים", מען דארף זוכן א מוהל א צדיק א ירא שמים, "כי כשהמוהל אינו טוב", ווייל אז דער מוהל איז נישט גוט, "יכול להיות שלא יהיה מוליד, חס ושלום", קען חס ושלום פאסירן אז דער קינד וועט נישט האבן קיין קינדער, "גם על ידי שהמוהל אינו טוב, על ידי זה בא התינוק, חס ושלום, לידי חלי נופל", אויך קען א נישט גוטער מוהל מאכן אז דער קינד זאל האבן די חולי נופל, סיזשערס - רחמנא לצלן; האב איך געפרעגט מוהרא"ש ווער איז א מוהל א צדיק? האט מוהרא"ש מיר געענטפערט: "וואס א גרעסערע מומחה - אלס א גרעסערע צדיק.

דערנאך האט דער ראש ישיבה דערמאנט די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, אז ער איז געווארן געראטעוועט פונעם שווערן מיטמאכענישט פונקט א יאר צוריק.

ביים סוף שמועס האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "ברוך השם איך בין ארויס פון מצרים"; איך זאג 'נשמת' ביים סדר די זעלבע אזוי ווי די אידן וואס זענען ארויס פון די ביטערע לאגערן ביים קריג. מען זעהט אין די זעלבע משפחה איז דא איין ברודער וואס איז מקורב געווארן צום רבי'ן און לעבט א גוט לעבן, און די אנדערע ברודער לעבט נעבעך נישט מיטן רבי'ן, און ער ווייסט נישט וואס דו האסט באקומען ביי מוהרא"ש מער ווי ביי אנדערע פלעצער. מען זעהט רוב אידן זענען נישט ארויס פונעם לאנד מצרים מיט משה רבינו, זיי זענען געווען צופרידן מיט זייער ארבעט, זייער ביזנעס, זייער חובות... דערפאר דארפן מיר דאנקען אויף דעם גרויסן חסד וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז.

דינסטאג נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה באזוכט מיט צוויי אינגעלייט פון די הנהלה ר' שבתי מזרחי הי"ו און ר' יואל הכהן הי"ו, ביים גרויסן שטח אויף רעד קליף וואס באלאנגט פאר די קהילה, און אדורך געגאנגען גאר וויכטיגע פרטים בנוגע די ווייטערדיגע פארשריט וויאזוי זיך צו באניצן מיט דעם שטח פאר געברויכן פון די קהילה.

מען האט אויפגעברענגט א פלאן אהערצושטעלן א שיינעם מאלל ביי איינס פון די עקסטירנדע בנינים וואס איז דא אויף דעם שטח, אזוי זאל מען קענען גרינגער איינקויפן אלעס אויף איין פלאץ, און אויך זאל מען נישט דארפן צאלן גרויסע רענט פרייזן צו דינגען א פלאץ פאר א סטאר.

אויך איז געווארן אויסגעשמועסט א פלאן צו אהערשטעלן א גרויסער בית המדרש פאר אינדערוואכן, וואס איינס פון די מעלות איז אז עס וועט זיין גענוג פלאץ צו פארקירן די קארס. אויך פלאנט מען א חלק פונעם גרויסן שטח צו אהערשטעלן פארן בית החיים.

ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין גראסערי איינקויפן לכבוד יום טוב, האט דער ראש ישיבה זייער אויסגערימט אונזער דיין שליט"א וואס האט געזאגט פארן בעל הבית פונעם גראסערי מו"ה משה יחיאל פעלדמאן ני"ו נישט צו פארקויפן די פסח'דיגע נאש וואס איז נאכגעמאכט פון חמץ, צום ביישפיל פרעצעלס וכדומה, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דאס איז א גוטע דיין אזוי דארף צו זיין, און הלוואי זאל די גראסערי' האבן דעם הכשר פונעם דיין שליט"א א גאנץ יאר, עלטערן זאלן קענען שיקן די קינדער אין גראסערי און וויסן אז זיי קענען דארט אלעס קויפן, אלעס וואס ליגט אויפן שעלף איז מיט א גוטע הכשר".

פארנאכטס איז דער ראש ישיבה געגאנגען דאווענען מנחה מעריב אין בית המדרש אויף האשקי, נאך מעריב האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעשטעלט מאכן אן "אפיעל" און געזאגט: "מורי ורבותי ס'איז דא וואס האבן נישט און מען קען זיי ארויסהעלפן, מען רעדט נישט דא פון קיין געלט און עס רעדט זיך נישט פון קיין פרעמדע משפחות, מען דארף רחמנות האבן אויף די ווייבער, זיי ארבעטן זייער שווער אנצוגרייטן דעם פסח, זיי האבן נישט קיין כח, אבער מען קען זיי העלפן מיט אפאר גוטע ווערטער, גיי אהיים און שמועס אביסל מיט דיין ווייב צען מינוט, 'מבשרך אל תתעלם', רופסט ענק אן ווארעם, אין דעם זכות וועט דער אייבערשטער ענק העלפן".

אין א בריוו יענעם טאג שרייבט דער ראש ישיבה אז ער האט געמאכט דעם מגבית, און ענדיגט צו:

*איך בעט דיר דו זאלסט זיך אויך משתתף זיין אינעם מגבית. גיי אהיים, העלף אויס דיין ווייב, רעד שיין צו איר, הער איר אויס, גיב איר גוטע ווערטער. גיב איר אפילו דאלער צו צאל זיך קויפן עפעס פאר יום טוב, א שיינע זאך. און אז זי איז איבערגעשטרענגט, זי שרייט, זי רעדט נישט מיט דיר - זאלסטו דאס נישט נעמען צום הארצן, פארשטיי איר, עס גייט איבער אויף זיי. דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רסד): "הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִילְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לְכָל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצָרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", מען דארף זייער אכטונג געבן אויף די ווייב, ווייל זיי גייען אריבער זייער אסאך ווייטאג פון צער גידול בנים, צער לידה וכו'.*

מיטוואך איז דער ראש ישיבה אריינגעפארן אין שטאט געבן דעם וועכנטליכן שיעור פאר די אינגעלייט, מען האט דאס אויך מיטגעהאלטן אין שטעטל.

דאנערשטאג פארנאכטס איז מען געגאנגען אנגרייטן די וואסער פאר "מים שלנו" פאר די ערב פסח מצות, דערנאך איז מען ארויס אין א פרייליכן טאנץ פאר די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז און ער גיבט אונז די זכיה צו קענען טון זיינע מצוות.

<<<<

## - ערב פסח -

פרייטאג ערב פסח נאכן פאברענען די חמץ זענען די בודקים פונעם עירוב אריבערגעקומען צום ראש ישיבה אינדערהיים און מען האט דארט געמאכט די ברכה פארן עירוב, און מזכה געווען די פת פארן גאנצן שטאט.

ביי חצות איז מען אריבער אין מצה בעקעריי און מען האט געבאקן די מצות לכבוד פסח מיט א שמחה און א ברען. דער ראש ישיבה האט פארגעזאגט הלל, עס האט געהערשט גאר א פרייליכע שטימונג, עס האט זיך נישט געגלייבט אז דאס פאסירט טאקע עכט אין ראליטעט, מען באקט ערב פסח מצות אין שטעטל קרית ברסלב, מיט אלע הידורים און חומרות וואס א מצה בעקעריי דארף צו האבן.

עס דארף טאקע ווערן ארויסגעברענגט אז ווען מען האט נאר געפרעגט וועגן די מצות, האט געזאגט אז די ברסלב'ע מצות האט געהאט עפעס גאר א ספעציעלן גוטן טעם וואס עס איז נישט דא ביי אנדערע מצות, אלע האבן געזען אז דא ליגט עפעס מער ווי סתם דרך הטבע, דא ליגט אסאך תפילות וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל גוט געלונגען.

## - ערשטע טעג פסח -

פארנאכטס איז מען געקומען דאווענען אין בית המדרש, יעדער איינערביים בית המדרש פון זיין געגענט וואו ער וואוינט.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה גדאווענט שחרית פארן עמוד אין בית המדרש אויף די האשקי גאס, פון וואס דער עולם האט זיך זייער דערקוויקט. אויך האט דער ראש ישיבה גדאווענט מוסף - טל פארן עמוד.

מיטל נאכט האט דער ראש ישיבה גדאווענט אין בית המדרש אויף האשקי. צווייטן טאג שחרית האט דער ראש ישיבה גדאווענט אין בית המדרש אשר בנחל אויף די דענמאן גאס, און צוגעגאנגען צו שחרית.

דעם צווייטן טאג יום טוב נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה גדאווענט אין בית המדרש עצתו אמונה אויף די טווין ברידזש גאס. נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געגעבן א שמועס און געזאגט: " פסח אינדערפרי איז יעדער זייער פרייליך, עס איז אריבער אזא הייליגע נאכט וואס מען האט מקיים געווען אזויפיל מצוות, יעדער שפירט זיך עפעס מער ווי סתם א טאג. דערציילט מען, אז עס איז אמאל אריין געקומען אין בית המדרש פסח אינדערפרי א פשוט'ער איד און זיין פנים האט געשיינט זייענדיג זייער פרייליך, האט דאס איינער פון די מתפללים - א למדן, א בעל מקובל - באמערקט, און האט דאס נישט געקענט פארשטיין, פארוואס פריידט זיך דער פשוט'ער איד אזוי שטארק, מיט וואס איז ער אזוי פרייליך, ער ווייסט דאך קוים פון זיין חיות צו זאגן, איז ער צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: "וואס ביסטו אזוי פרייליך, וואס ווייסטו דען וואס מען דארף אינזין האבן, איך האב נעכטן אינזין געהאט אזויפיל כוונות, די ד' כוסות ווייזן אויף די ד' עולמות וכו' וכו', וואס האסטו אינזינען געהאט?" האט דער פשוט'ער איד געענטפערט: **"איך פריי זיך זייער אז איך האב געפאלגט דעם אייבערשטן וואס האט געהייסן עסן מצה, מרור, ד' כוסות; בשעת'ן מקיים זיין די מצוות האב איך אינזינען געהאט פשוט 'איך טוה וואס דער אייבערשטער הייסט'".**

רעדנדיג באמערקט דער פשוט'ער איד ווי דעם בעל מקובל'ס פנים טוישט קאלירן, עס זעט אויס ווי ער גייט חלש'ן, האט ער אים שנעל געברענגט א בענקל און א גלעזל וואסער, און פרעגט אים: "וואס גייט פאר? איך האב אייך געטשעפעט?" זאגט דער בעל מקובל מיט ווייטאג: "ניין, נאר איך כאפ זיך יעצט אז איך האב אלעס אינזין געהאט - אויסער דאס; **איך האב פארגעסן צו אינזין האבן דער עיקר, אז איך טו וואס דער אייבערשטער הייסט, יעצט זע איך אז מיט דיין פשטות האסטו מקיים געווען די מצוות נאך בעסער פון מיר".** זעט מען פון דעם, אז די עכסטע זאך איז מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות, ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן".

## - חול המועד פסח -

חול המועד איז געווען א שיעור התחזקות יעדע נאכט, עס איז געקומען צו פארן אידן פון אלע געגענטער מיטצוהאלטן דעם שיעור און מיטנעמען עצות און חיזוק אויף ווייטער.

מיטוואך חול המועד פסח איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן דעם נייעם "טאנץ מיט אמונה" פארק צוזאמען מיט זיינע קינדער, און אויסגעפרעגט דעם אייגענטומער אלע דעטאלן פונעם פארק, וויאזוי עס איז מצליח און אזוי ווייטער, און דער ראש ישיבה האט געוואונטשן הצלחה אויף ווייטער און געזאגט אז זומער וועט זיין אסאך מענטשן וואס וועלן קומען צום פארק.

אינמיטן טאג איז דער מנהל פון תלמוד תורה אין וויליאמסבורג ר' מרדכי אינדיג הי"ו צוזאמען מיטן מלמד ר' ישעי איידליס הי"ו געקומען באזוכן דעם ראש ישיבה אין שטעטל, מען איז איבערגעגאנגען וויכטיגע פרטים בנוגע דעם זוממער סעזאן און בנוגע די חינוך פון די קינדער.

## - צווייטע טעג יום טוב -

שביעי של פסח ביינאכט איז מען זיך צאמגעקומען צו טאנצן שירה אין בית המדרש "אשר בנחל", דער ראש ישיבה האט געטיילט כוס של ברכה פאר אלע משתתפים.

דער ראש ישיבה האט גדאנקט דעם אייבערשטן ברבים אויף די געוואלדיגע נס וואס ער האט געטוהן מיט די קהילה און אונז געראטעוועט פון די מסירה, וואס האט זיך אנגעהויבן פונקט א יאר צוריק, און יעצט שטייט מען דא און מען קוקט צוריק אויף די געוואלדיגע חסדים וואס דער אייבערשטער

האט געטון מיט אונז.

דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון די שיינקייט פונעם שטעטל, די קינדער וואקסן אויף מיטן אייבערשטן, יעדע זאך ווייסן זיי אז מען דארף בעטן נאר פונעם אייבערשטן, אזוי ווייט אז זיי ווילן אפילו נישט גיין צו דאקטער ווען מען שפירט נישט גוט, ווייל 'וואס פעלט עס אויס אז מען קען גיין צום אייבערשטן'?!

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי א אינגערמאן פון שטעטל האט אריינגענומען זיינע עלטערן ביי זיך אין שטוב אויף פסח, איין טאג פאר פסח קומט דער זיידע אריין אין שטוב און רופט זיך אן מיט איין אטעם פארן זון און זיין שנור: "קומטס אהער איך מוז ענק ווייזן וואס דא האט יעצט פאסירט אין גאס פאר מיינע אויגן", ער פירט זיי ארויס אינדרויסן און ווייזט זיי "דא בין איך פריער געשטאנען ווען ענקער קליינע טאכטער האט געווארט אויפן באס, און זי רופט זיך אן "הייליגער באשעפער העלף די באס זאל שוין קומען", עס מוז זיין זי האט עפעס א העכערע נשמה", רופט זיך אן דער זון צו זיין טאטן "טאטע, אלע קינדער דא רעדן צום אייבערשטן, דאס לערנט מען אויס אין חדר און אין סקול אז וואס מען דארף זאל מען בעטן דעם אייבערשטן". דער זיידע איז ארויס פון התפעלות.

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן פאר די הצלחה פון די קינדער, און נישט נאר בעטן פאר די קינדער וואס מען האט נאך אינדערהיים, נאר אויך בעטן פאר די קינדער וואס זענען שוין חתונה געהאט, זיי זאלן מצליח זיין מיט אלעם.

דערנאך איז מען ארויס אין גאר פרייליכע ריקודין, מען האט געטאנצן די שירה, און דערנאך געזינגען "חסדי השם" און "בך בטחו" אויף די געוואלדיגע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז.

דער ראש ישיבה האט געבעטן די גבאים פון בית המדרש עצתו אמונה אז מ'זאל זיך דארט אויך צאמקומען ליל שביעי של פסח, עס זאל נישט אויסקוקן ווי א מאדערנע קהילה. אזוי ווי דער ראש ישיבה טיילט כוס של ברכה ליל שביעי של פסח, האבן די גבאים געבעטן פונעם ראש ישיבה ער זאל בענטשן א באטל גרעיפ זשוס דאס צו פארטיילן ביי די באטייליגטע, און דער ראש ישיבה האט געבענטש א באטל גרעיפ זשוס, געבנדיג זיין ברכה: "אלע זאלן זוכה זיין צו ביזת הים".

שביעי של פסח אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געלערנט תיקוני זהר פאר א לענגערע צייט.

דער נאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען, צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, אויך האט דער ראש ישיבה געליינט מיט א ברען די שירה.

מיטל נאכט האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש אויף די "האשקי" גאס, ביי בואי בשלום האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ ארום דעם גאנצן בית המדרש.

אחרון של פסח האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית פארן עמוד, נאכן דאווענען איז געווען א שיינע קידוש; דער ראש ישיבה האט ארום געשמועסט פון דעם ענין וואס מען פירט זיך צו זיך מישן אחרון של פסח איינער מיטן צווייטן, דאס איז צו ווייזן אז נאך אלע מדרגות וואס מען האט באקומען פונעם יום טוב, קומט מען צו אז איך מיש מיך מיט א צווייטן איד, איך האב ליב יעדן איד נישט קיין חילוק ווער ער איז.

דאס איז אויך געווען ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע ער האט זיך געמישט מיט מענטשן וואס אפילו א גאנץ יאר האט ער נישט געגעסן פון זייער קאך, אבער אחרון של פסח האט ער יא געגעסן.

פארנאכטס נאך מנחה האט מען זיך געוואשן צו שלש סעודות, סעודת משיח, דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע וויאזוי ער איז געווארן צוויי מאל גראטעוועט אחרון של פסח, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, דאס איז געווען דורך זאגן די אלף בית; האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס ווייזט אונז אז מיר קענען אויך גראטעוועט ווערן פון אלע צרות דורך זאגן די ווערטער פון די תורה, נעם א משניות און הייב אן זאגן א פרק נאך א פרק, נעם א גמרא און זאג א דף נאך א דף, דאס וועט דיר ראטעווען פון אלע צרות.

אויך זעהט מען ביי די מעשה אז די טאכטער אדל האט יעדע זאך געבעטן דעם אייבערשטן, דאס האט זי געלערנט ביי איר גרויסן טאטן דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, און דאס דארף מען זיך אויסלערנען, אז וואס מען דארף נאר זאל מען בעטן דעם אייבערשטן; דא אין שטעטל איז דאך ממש געאייגענט פאר דעם, מען קען אביסל שפצירן אויף די וועגן און שטעגן, עס זענען דא פיינע שטילע וועגן וואו מענטשן גייען כמעט נישט.

און דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט אז דער פסח נעמט מען מיט אויף ווייטער, דאס גיבט כח צו גיין ווייטער ביז'ן קומענדיגן יום טוב שבועות.

נאכדעם איז מען ארויס אין א טאנץ אויפן ניגון "חסל סידור פסח" מען האט דאס איבערגעזינגען אסאך מאל, נאכאמאל און נאכאמאל, און צוגעענדיגט מיטן ניגון "לשנה הבאה בירושלים".

מיט דעם האט זיך געענדיגט דעם הערליכ'ן יום טוב פסח וואס האט זיכער איבערגעלאזט גוטע השפעות און התחזקות אויף ווייטער ביי יעדן איינעם.

**כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו**



# מעשיות פון תפילה

## שמעון איינהארן - קרית ברסלב:

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך וואוין שוין אין קרית ברסלב ליבערטי, וואס דאס אליינס איז א לאנגע מעשה פון תפילה; איך און מיין ווייב בעטן שוין דעם אייבערשטן זייער לאנג אז מיר זאלן קענען וואוינען אין שטעטל, און ברוך השם אז פאר יום טוב פסח האבן מיר זיך ענדליך ארויסגעצויגן.

איינע פון די ערשטע פאר טעג אין אונזער נייע הויז האבן מיר געדארפט נוצן די שאואר און וואנע, איך צונד אן די וואסער און איך ווארט ס'זאל ווערן ווארעם אבער גארנישט, נישט דא קיין הייס וואסער, וואס טוט מען דא? האבן מיר גלייך געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער געב אונז הייס וואסער", מיר האלטן אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן און די מעשה פון תפילה איז געשען, די וואסער איז געווארן ווארעם, כאטש וואס ס'האט נישט געשטימט מיט די מציאות, ווייל די בוילער איז געווען דעמאלטס צובראכן, אבער מיט תפילה קען אלעס געשען.

שכח אייבערשטער פאר די שיינע מעשה פון תפילה.

## לייבי ראטה - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער פאר די געזונטע פיס וואס איך האב. איין טאג האב איך זיך שטארק אויסגעגליטשט און צובראכן די פיס, איך האב געדארפט גיין צו א ספעציעלער דאקטאר וואס זאל מיר קענען אפערירן אבער איך האב נישט געקענט טרעפן א דאקטאר וואס זאל נעמען מיין אינשורענס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א גוטן דאקטאר וואס זאל יא נעמען מיין אינשורענס, שכח אייבערשטער אז גלייך נאכן ענדיגן מיינע תפילות בין איך געוואויר געווארן פון גאר א גוטן דאקטאר און יא! ער נעמט מיין אינשורענס. שכח אייבערשטער.

## משה ראזענבערג - ירושלים:

קודם, א גרויסן שכח פאר די הערליכע קרית ברסלב בלעטל.

איך וויל אריין לייגן א מעשה פון תפילה וואס האט זיך ביי מיר אפגעשפילט פארגאנגענעם וואך.

איך בין געפארן אויף א שטאטישע באס, און נאכן אראפ גיין כאפ איך זיך אז איך האב נישט מיין בערזל מיט מיר, זעהט אויס ערגעץ איז עס ארויסגעפאלן.

איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן מיין בערזל, איך בין שנעל צוריק געלאפן צו די באס סטאפ און איך זע אז די באס איז שוין אוועק געפארן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, איך בין געגאנגען צו די אפיס פון די באס קאמפעני און זיי האבן מיר געשיקט פון איינעם צום צווייטן, ביז איינער זאגט מיך אז איך זאל גיין ווי די באס פארקט און איך זאל זוכן דעי באס.

איך בין גלייך אהין געגאנגען, אבער איך האב נישט געזען דער באס, אזוי בעט איך ווייטער דעם אייבערשטן, און פלוצלינג קומט צו מיר אן ארבעטער און ער פרעגט מיר וואס איך וויל, איך האב אים פארציילט וואס דא האט פאסירט, הייבט ער מיך אן ארום פירן די גאנצע באס סטאנציע צו זוכן דער באס וואס איך בין פריער געפארן דערמיט.

שכח אייבערשטער אז פונקט דעמאלטס איז די באס אנגעקומען צום סטאנצי' און איך האב טאקע געטראפן מיין בערזל אינעם באס.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייֶערְער מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואו אִיךְ פָּאר מִיט אַפָּאר תַּלְמִידִים צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער חָתָן קוּמְט מִיט.

בָּרוּךְ ה' מִיר קוּמֶען שׁוֹין גֶענְטֶער אוּן גֶענְטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה; מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַזַא חֲשׁוּבֶ'ע כַּלָּה פוּן אַזַא חֲשׁוּבֶ'ע שְׁטוּב.

וואו טְרֶעפְט מֶען הַיינְט אַ כַּלָּה מִיט מְחוּתָּנִים וָואס זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן. מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ דִי חֲתוּנָה אִיז אִין יְשִׁיבָה אָן בְּלוּמֶען, אָן אַ שְׁפִּילֶער, זִינְגֶער, בַּדְחָן; אָן פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן אָן סַארְוֶועְרְס וְכוּ', וְכוּ'; **חָתָן כַּלָּה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס**, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּב.

בְּנוֹגֵעַ דִי טַלֵּיתִים; דִי שַׁבָּת טַלִּית, דִי וָואכְן טַלִּית אוּן דִי קִיטְל, דָאס וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן. אוֹיךְ דֶער שְׁטְרַיימְל וֶועל אִיךְ אִים קוֹיפְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען דֶערְפַאר.

דֶער גַאנְצֶער חֶשְׁבּוֹן וָואס קָאסְט מִיר פַאר'ן צַד הֶחָתָן וֶועט לִכְאוֹרָה אוֹיסְקוּמֶען וֶוייניגֶער וִוי עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט דִי תְּפִילִּין רַשִׁ"י ור"ת פַאר'ן חָתָן בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק מוֹהֲרַא"שׁ וָואס גְרָאד אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְּדוּמֶה. **זִיךְ נִישְׁט אָן חוֹבוֹת'ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן.** אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ בַּעֲלֵי חוֹבוֹת בְּעֵת שִׂמְחָתָם; אָן שֵׂכֶל אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְשְׁוֶוענְדְט מֶען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶנְטֶער דָאלֶער, אַלְץ מִיטְ'ן תֵּירוּץ: "יֶענֶער טוּט אַזוֹי", "יֶענֶער וֶועט לַאכְן", "יֶענֶער וֶועט זָאגְן", וְכוּ', וְכוּ'. פְרֶעג אִיךְ דִיר: אִיז נִישְׁט טוֹיזֶנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ?!

אַ גְרֻיס פוּן דַיין חָתָן; אִיךְ זִיץ דָא נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי חָתָן כַּלָּה זָאלְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

# א שיחה

פון דער ראש ישיבה שליט"א



## א ברסלב'ער פארפאלק

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קיא.): "אחד מעיר מזכה כל העיר כולה, ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה כולה", איינער פון א שטאט קען מזכה זיין די גאנצע שטאט און צוויי מענטשן פון א משפחה קענען מזכה זיין די גאנצע משפחה, מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דאס מסביר (אשר בנחל מכתב י"ח אלף, תקטו), אז איינער פון אנשי שלומינו פירט זיך אויף מיט דרך ארץ, ער רעדט שיין צו יעדעם, ער רעדט דיבורי אמונה וכו' - דורכדעם איז ער מזכה די גאנצע שטאט, ווייל די גאנצע שטאט ווייסט 'דא וואוינט א ברסלב'ער חסיד', אבער כדי צו קענען מזכה זיין א משפחה דארפן זיין צוויי מענטשן, דער מאן און זיין ווייב; אז טאטע מאמע, ברידער און שוועסטער, שוואגערס און שוועגערינס זעען ווי שיין א ברסלב'ער פארפאלק פירן זיך אויף, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז - דורכדעם וועט די גאנצע משפחה מקורב ווערן צום רבי'ן. און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף איינער פון אנשי שלומינו: ער איז א דוגמא פון א תלמיד היכל הקודש, דורך די ערליכע אויפפירונג פון אים און זיין ווייב איז זיין גאנצע משפחה מקורב געווארן צום רבי'ן.

## שרייבן הייסט אויך לערנען

א אינגערמאן וואס איז א גאנצן טאג א מלמד אין חדר און די איבריגע חלק טאג איז ער עוסק אין הפצה, צו שרייבן גליונות און קונטרסים פונעם רבי'ן, האט זיך אויסגערעדט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז עס קומט אים אויס זייער ווייניג צייט צו לערנען זייענדיג פארנומען מיט זיינע תלמידים און מיט זיין הפצה, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "שרייבן הייסט אויך לערנען; איך בין אמאל געווען ביי מוהרא"ש אין צימער, האט זיך מוהרא"ש אנגערופן צו מיר: היינט בין איך שוין זייער פארנומען מיט א רבים, קומט מיר אויס ווייניגער צייט צו לערנען ווי אמאל, אבער דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן סימן תלד) אז שרייבן חידושי תורה הייסט אויך לימוד התורה, דערפאר אז איך שרייב בריוון איז דאס אויך לימוד התורה", און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט צו דעם אינגערמאן: "דאס וואס דו שרייבסט מאכט אז אנדערע מענטשן זאלן לערנען תורה, איז דאס פאר דיין זכות".

# א מַעֲשֶׂה
## פון א צַדִּיק



### הִתְבּוֹדְדוּת אִין סִיבִּיר

פארזעצונג פון פריער: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' נָטֶע גוּרֶעלִיק מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשִׁיקְט אוֹיף סִיבִּיר, אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אוֹיךְ אַ גַלַח'ס טָאכְטֶער, אוּן בַּיינַאכְט נֶעמְט זִי אִים אָן רֶעדְן צוּ אַן עֲבֵירָה, אִיז עֶר אַרוֹיס אִין וַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן נַאכְט פַאר דְרֵיי יָאר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִוי אֵיידֶער אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ אַ עֲבֵירָה רַייס מִיר אוֹיס דִי הַארְץ, אוּן אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ דָא בְּלַייבְּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן דוּרְכְפַאלְן". אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן נַאכְט פַאר דְרֵיי יָאר, זִי הָאט אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט, אוּן יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: אַל תְּבִיאֵנוּ לִידֵי נִסָּיוֹן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין נִסָּיוֹן.

***

עֶנְדְלִיךְ נָאךְ דְרֵיי יָאר וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּעֶן דִי אַרְבֶּעט גוּט, אִיבֶּערְהוֹיפְּט עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל תְּפִילָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט. פַאר מֶען הָאט אִים בַּאפְרֵייט, הָאט מֶען פַאר אִים גֶעמַאכְט אַ גֶעזֶעגֶענוּנְגְס סְעוּדָה, זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר זַיין גוּטֶע אַרְבֶּעט, הָאט זִי זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט: אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶער בָּחוּר אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶען זִי מֵעִיד זַיין, אַז דָאס אִיז 'דֶער' הֵיילִיגֶער בָּחוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט דָארְטְן, הָאבְּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן גֶעוֵויינְט: אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזַא נִסָּיוֹן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אוּן נָאךְ מֶער, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן. הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען נִישְׁט דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אִיךְ גֵיי וֶוען נָאר מִיטְן שֵׂכֶל וָואלְט אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן! וָואס הָאט מִיר דֶערְהַאלְטְן? דאס אַז אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער!.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ע"ח): דֶער דִיבּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע, אַ מַאמֶע גֵייט מִיט מִיטְן קִינְד אֲפִילוּ אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיקְט אִים אָפּ אוּן טוּט אִים אִיבֶּער, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער דִיבּוּר, גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וִויבַּאלְד עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן.

אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקָּר 'גְלֵייבְּן אִין זִיךְ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א): אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ. אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ פּוֹעֵלְ'ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער.

(קונטרס "עס וועט זיין גוט")



# דעם רבי'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 29

**פארזעצונג פון פריער:** ז' אָדָר ב', דָאנֶערְשְׁטָאג, הָאט נַאפָּאלְיָאן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט זַיין מִילִיטֶער פוּן יַפּוֹ, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין עַכּוֹ, אַיינְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטָאט. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ קַיין עַכּוֹ, צוּ דִינְגֶען פַאר אִים אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן מִיט זַייעֶר'ס אַ שִׁיף. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל שׁוֹין אַהֵיימְפָארְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ מִיט זַיין בְּרִיוו, אוּן אוֹיךְ אַ כְּלָלִיוֹת'דִיגֶער בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זַייעֶר גֶעאַיילְט צוּ פָארְן קַיין עַכּוֹ צוּם שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע.

••

פַארְנַאכְטְס אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן צְפַת, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז צוּ דְרֵיי שָׁעָה פַאר שַׁבָּת.

עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת זָכוֹר, אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי שָׁעָה צוּם זְמַן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ.

גְלַייךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְקוּמֶען הָאבּ זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּם שִׁיפְ'ס אַגֶענְט אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּלֵייגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, פִיל מֶער וִוי עֶס גֵייעֶן גֶעוֶוענְלִיךְ אַרַיין אִין דֶעם שִׁיף.

הָאט דֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִין עַכּוֹ. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם גְבִיר, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פַאר אִים אַ בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אוּן זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת זָכוֹר.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, פַּרְשַׁת זָכוֹר, הָאט מֶען פַארְשְׁפַּארְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן סְ'אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, וַוייל עֶס הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען דָארְט אוּמְגֶעפֶער פוּפְצְן טוֹיזְנְט אַרַאבִּישֶׁע סָאלְדַאטְן, מִיט אַלֶע זַייעֶר גֶעוֶוער אוּן קְרִיגְס גֶעצֵייג, זִיךְ גְרֵייטְנְדִיג אוֹיף אַ מִלְחָמָה מִיט דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער וָואס זֶענֶען גֶעווֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין.

דִי אַרַאבִּישֶׁע מִילִיטֶער אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי אוֹיפְזִיכְט פוּן אַ גֶענֶערַאל מִיטְ'ן נָאמֶען דְזְשֶׁעזָאר.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִיז דֶער שִׁיפְ'ס אַגֶענְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען מֶער נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, סְ'אִיז נָאר דָא אַ שִׁיף פוּן אַרַאבִּישֶׁע סוֹחֲרִים וָואס פָארְט קַיין אִיסְטַאנְבּוּל מִיט סְחוֹרָה. אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה יֶעצְט צוּ פָארְן מִיט שִׁיף מִיט סְחוֹרָה, וַוייל דִי סָאלְדַאטְן אוֹיף דִי קְרִיגְ'ס שִׁיפְן נֶעמֶען אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ פִילֶע שִׁיפְן, פוּן דֶעסְט וֶוען הַאלְט אִיךְ אַז סְ'לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ נֶעמֶען דִי רִיזִיקֶע, וִוי אֵיידֶער צוּ בְּלַייבְּן דָא אִין שְׁטָאט, וָואס אִיז פִיל אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז סְ'אִיז אַרוֹיס אַ בַּאפֶעל אַז בִּיז צְוֵויי דְרֵיי טֶעג הוֹיבְּט זִיךְ דָא אָן דִי מִלְחָמָה, אוּן סְ'וֶועלְן זִיכֶער גֶעְ'הַרְגְ'ט וֶוערְן פִילֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטָאט. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִיר מַתִּיר זַיין צוּ גֵיין שׁוֹין יֶעצְט דִינְגֶען אַ שִׁיף, כָאטְשׁ וָואס סְ'אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז עֶס אָבֶער פִּקוּחַ נֶפֶשׁ וָואס אִיז דוֹחֶה שַׁבָּת (שַׁבָּת קל"ב.).



**בית הכנסת הרמח"ל אין שטאט עכו**

דֶער שִׁיפְ'ס אַגֶענְט אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ בִּילֶעט אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶעם רֶענְדְל פַאר אַיינְגַאבֶּע.

דֶערְוַוייל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ נָאךְ קְרִיגְ'ס שִׁיפְן פוּל מִיט סָאלְדַאטְן פוּן עֶנְגְלַאנְד, צוּ הֶעלְפְן דִי אַרַאבֶּער מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן דִי פְרַאנְצוֹיזְן. צְוִוישְׁן דִי שִׁיפְן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה שִׁיף פוּן עֶנְגְלַאנְד, מִיטְ'ן נָאמֶען "טִיגְרָא", מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן סִידְנִי סַאמִיט, מִיט נָאךְ צְוֵויי גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה שִׁיפְן "טִיסְיוּס" אוּן "אֶלִיאַנְס".

דֶער פַּחַד אוּן שְׁרֶעק אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, פוּן דִי פִילֶע עֶנְגְלִישֶׁע סָאלְדַאטְן אוּן קְרִיגְ'ס שִׁיפְן, דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר צֶעשְׁטוּפְּט וַוייל סְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְנֶעמֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן פַאר שְׁרֶעק.




# הפצה ווינקל

היכל הקודש

# א בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזהשי"ת - יום ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ו לפ"ק
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרע ... ני"ו

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז נֶעכְטְן אִסְרוּ חַג פֶּסַח אִיז גְעוָוארְן זֶעקְס יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גְעעֶפֶענְט דֶעם **תַּלְמוּד תּוֹרָה "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" בְּרֶסְלֶב** אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. דָאס אִיז גְעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גְעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ מְחַזֵּק גְעוֶוען בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין בֶּעטְן בַּיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גְעוָואלְט אַרַיין נֶעמֶען, הָאבְּן מִיר גְעעֶפֶענְט **אִסְרוּ חַג פֶּסַח תש"ע** לפ"ק דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז **מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיין אֵיין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.**

יֶעדְן צוּפְרִי גֵייעֶנְדִיג אִין יְשִׁיבָה זֶעה אִיךְ ווִי דִי בָּאסֶעס נֶעמֶען צוּזַאם דִי קִינְדֶער, אוּן פוּן יֶעדֶע בָּאס טַאנְצְט אַרָאפּ אַ מְלַמֵּד מִיט אַ שְׁמֵייכְל פוּן אֵיין אוֹיעֶר בִּיזְן צְווֵייטְן אוּן שְׁרֵייט הוֹיעֶךְ "אַ גוּט מָארְגְן", אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז נָאכְמִיטָאג, מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי קִינְדֶער אוּן מֶען לֵייגְט זֵיי אַרָאפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען שְׁרֵייט "אַ גוּטְן טָאג", וֶוען אִיךְ זֶעה דָאס דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גְעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַמָאל אַרִיבֶּער שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיינַאכְט דֶעם ... קְלוֹיז (וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן אָן קֵיין רַחֲמָנוּת, אַמָאל אִיז גְעוֶוען פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי הַיינְט, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאלְט נִישְׁט אַזוֹי ווִי דִיר מֵיינְט מֶען אַז דַארְף יֶענֶעם רוֹדְפְ'ן), אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גְעהֶערְט ווִי זֵיי זָאגְן מִיט אַ בְּרֶען **"אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת"** הָאט עֶר גְעהַאט אוֹיף אַ מִינוּט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וַוייל זֵיי הָאבְּן גְעקְרִיגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן וְכוּ' אוּן דָא זֶעט זִיךְ אוֹיס ווִי זֵיי בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגְעֶרוּפְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּר: **וָואס טוּט זִיךְ פַארְן "אַתָּה הָרְאֵתָ" אוּן וָואס טוּט זִיךְ נָאכְן "אַתָּה הָרְאֵתָ" ווֵייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.** דָאס זֶעלְבֶּע טְרַאכְט אִיךְ יֶעדֶע צוּפְרִי וֶוען אִיךְ זֶעה ווִי מֶען שְׁרֵייט אוֹיס מִיט אַ שְׁמֵייכְל "אַ גוּט מָארְגְן"; וָואס טוּט זִיךְ נָאכְן "אַ גוּט מָארְגְן" אוּן **וָואס טוּט זִיךְ פַארְן "אַ גוּטְן טָאג" ווֵייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין,** צִי דֶער קִינְד בַּאקוּמְט נָאךְ אַ שְׁמֵייכְל פוּן אֵיינֶעם בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶעהְן נִישְׁט? צִי דֶער קִינְד בַּאקוּמְט אַזַא שֵׁיינֶע גוּטֶע טָאג אָדֶער וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט כַאפְּט עֶר אַ גוּטְן צִיפּ וְכַדּוֹמֶה.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען **אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל** מְלַמְּדִים מִיט אַ מְנַהֵל, טִיטְשֶׁערְס מִיט אַ מְנַהֶלֶת, וָואס אִיז נִישְׁט דָא זֵייעֶרְס גְלַייכְן אוּן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אַז אִיךְ זָאל מִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת דֶּרֶךְ ח"ב, סִימָן א) **"עַל יְדֵי וִידּוּי דְּבָרִים גּוֹרְמִין שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה".** אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים, אוּן דָאס טוּ אִיךְ יֶעדְן טָאג, נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְווֵיי מָאל וְכוּ', אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גְעוָואלְט.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס מֶען בַּאקוּמְט אַז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", אָבֶּער אַבִּיסְל מֶעגְנָ'א דִיוֹמָא: עֶס דְרֵייט זִיךְ יֶעצְט אַרוּם אַ קְלִיפָּה, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז אוֹיף מִיט דֶעם, ווִי אַ מְנַהֵל שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ קִינְד וְכוּ' וְכוּ', נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז דִי מַאמֶע אִיז גְעוֶוען רוּאִיג וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּפְרִי גֶעשְׁרִיגְן מִיטְן שְׁמֵייכְל אַ גוּט מָארְגְן וְכוּ', בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען פוּן דֶעם אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אוּן דִי קִינְדֶער אַז קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט אָנְרִירְן, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק צוּ דֶער מְלַמֵּד צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן צוּ דֶער רשכבה"ג וְכוּ', אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִיר אוּן רִירְט דִיךְ צוּ אוֹיף דִי פְּלֶעצֶער וָואס דַארְף זַיין פְּרִיוָואט וְכוּ' דַארְפְסְטוּ פַארְצֵיילְן. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיךְ הֶער צַאם אַ טָאג פוּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גְעוואוּסְט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן מִיט אַ מְנֻוָּל רח"ל, אוּן זֵיי מוּטְשֶׁענֶען זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, נוּ לָאמִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען: **אִלּוּ - מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה נָאר אוֹיס צוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּלִים - דַּיֵּנוּ.**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי מְלַמְּדִים רֶעדְן מִיטְן מוֹיל צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי הֶענְט, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן זָאגְן: **נָא, הַיינְט שְׁלָאגְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט** וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים וָואס דְרֵייוְון פַאר מוֹסְדוֹת דָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן זֵיי פַארְצֵיילְן מִיר וָואס קִינְדֶער כַאפְּן אַלְץ צַאם נָאר אוֹיפְן בָּאס, נוּ לָאמִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען: **אִלּוּ - מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה נָאר אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט כַאפְּן קֵיין פֶּעטְשׁ - דַּיֵּנוּ.**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער בַּיים פַארְהֶערְן, אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין אוֹיסְנַאם פוּן אַ גוּטֶע קָאפּ צוּ אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ וְכוּ', מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט אִיז גוּט אוּן וֶוער נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גוּט, דֶער עִיקָּר דָגוּשׁ לֵייגְט מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד אוּן נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער גוֹי מַאכְט אַ לֶעבְּן אוּן מִיר זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִידְן אוּן מִיר קֶענֶען גַארְנִישְׁט טוּן וְכוּ'. נוּ לָאמִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען:
**אִלּוּ - מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה נָאר אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן בַּיים פַארְהֶער - דַּיֵּנוּ.**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז **אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב,** אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיטְן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן. אַלֶע וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא"שׁ אוּן זֵיי פְלֶעגְן הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זֶענֶען מִיט דִי צַייט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיפְּט סִיבּוֹת דֶערְצוּ אִיז וַוייל דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט בְּרֶסְלֶב, לֵיידֶער אִיז בְּרֶסְלֶב אַ חוֹזֵק אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן בְּרֶסְלֶב אָדֶער פוּן אוּמַאן, אוּן **וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן "הֲפָצָה", לַאכְט מֶען אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דֶעם,** אוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ שֶׁעמֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן זֵיי מַאכְן אָפּ בַּיי זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן הָאבְּן קֵיין שׁוּם שַׁייכוּת צוּ בְּרֶסְלֶב. אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט ווִי זֵיי פְלֶעגְן וֶוערְן רוֹיט פַאר בּוּשָׁה וֶוען ר' נָתָן יַאקָאבָּאווִיטְשׁ נ"י אוּן יַעֲנְקְל פְלֶעגְן אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, דֶער פָּנִים הָאט זֵיי גֶעפְלַאקֶערְט אוּן זֵיי פְלֶעגְן וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן פַאר בּוּשָׁה וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גְעהַאט פֶּערְטִיגֶע פְלֶענֶער וָואס זֵיי וֶועלְן טוּן נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי קִינְדֶער דָא אִין מוֹסָד שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, **זֵיי גֵייעֶן "הֲפָצָה" אָן קֵיין בּוּשָׁה,** אוּן זֵיי רֶעדְן אַ גַאנְץ יָאר פוּן אוּמַאן וְכוּ', נוּ לָאמִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען: **אִלּוּ - מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה נָאר אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב - דַּיֵּנוּ. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה טוֹבָה כְּפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת לַמָּקוֹם עָלֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע פְּלַאץ וואוּ דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ' וְכוּ'.** אַ גוּטְן טָאג.

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## מסיבת הכרת הטוב

געלויבט דער אייבערשטער אז מען האלט שוין נאכן ענדיגן דעם מקח אויפן נייעם גיגאנטישן הערליכן בנין קרן הדפסה היכל הקודש, הארט נעבן דעם שטעטל.

גאר אסאך כח אין האראוואניע איז אריינגעגאנגען צו קענען אנקומען ווי מען האלט יעצט, און שליסן דעם מקח אויף אזא גרויסן בנין, דאס איז אלעס צו פארדאנקן אלע חשובע אנשי שלומינו וואס האבן אנטייל גענומען יעדער איינער כפי יכלתו, און ארויס געהאלפן צו קענען קויפן דעם בנין המפואר.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט פארקומען גאר א שיינער מסיבת הכרת הטוב פאר אלע וואס האבן אנטייל גענומען אינעם קויפן דעם בנין, די מסיבה וועט פארקומען פאר יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה. עס וועט פארקומען אינעם נייעם בנין וואס איז נארוואס געווארן אפגעקויפט, עס וועט זיין צוגעשטעלט א הערליכע סעודה לכבוד דעם גרויסן מעמד, מיט גאר א שיינעם פראגראם.

עס וועט זיין זייער א שיינער מעמד וואס לוינט זיך נישט צו פארפאסן, מער פרטים וועט ווערן איבערגעגעבן אין די נאנטע טעג אם ירצה השם.

ביים מסיבה וועט פארטיילט ווערן מתנות פאר אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן און גענומען א חלק צו קענען קויפן דעם בנין, יעדער איינער לויט וויפיל ער האט געגעבן.

אזוי ווי מען האט שוין געדארפט ענדיגן שליסן דעם מקח אויפן בנין און עס איז נישט געווען גענוג געלט, האט מען געדארפט ארויסנעמען א שטיקל הלוואה כדי צו קענען קויפן די בילדינג, אלע וואס ווילן נאך יעצט האבן א חלק אינעם בנין, קענען נאך יעצט אנטקעגן קומען די חשובע גבאים וואס נעמען צאם דאס געלט, און אזוי ארום וועט מען קענען אפצאלן דעם הלוואה ווי אמשנעלסטן.

צו נעמען א חלק רופט יעצט אן ר' לייבי ראטה 347-578-4449

אדער רופט אריין אין אפיס 718-387-2691

אדער אימעיל newbuilding@kerenhadfusa.org

# בילדער פון קרן הדפסה



דער ראש ישיבה באטראכט דעם פסח בלעטל אין בית הדפוס



ביים שמועסן מיט די ארבעטערס אין בית הדפוס



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל באזוכט אין בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**יקתואל יודא איינהארן**
לינדין

**הרוצה בעולם שמו**
דזערזי סיטי

**חיים זאנוויל אפעלדארפער**
וויליאמסבורג

**מנחם אראן**
בארא פארק

**אברהם ברוין**
מאנסי

**מרדכי אהרן הייլפרין**
קרית ברסלב

**יוסף ווייס**
וויליאמסבורג

**ישראל אשר ווייס**
קרית יואל

**שלמה לעבאוויטש**
מאנסי

**מאטי היימליך**
קרית ברסלב

**יודא ליעבערמאן**
טאמס ריווער

**שמעיה וואקס**
לעיקוואוד

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

### תזריע - החודש תשפ"ב

"ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכיה פרשת תזריע - החודש מיטצוהאלטן א הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א".

דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות מיט א פרייליכקייט, נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער אז מען דארף זיין זייער וואויל ווייל די מלאכים זענען דא, און דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז מיט יעדע מצוה וואס מען טוט אינמיטן די וואך ווערט באשאפן א מלאך, למשל ווען מען וואשט זיך אפ נעגל וואסער, ווען מען דאווענט, ווען מען פאלגט די מאמע, און די אלע מלאכים קומען יעצט פרייטאג צונאכטס און זיי ווילן זען ווי אזוי מען פירט זיך אויף.

דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט די געסט ווען אינמיטן האט זיך איינער פון די קליינע קינדער אנגערופן: "נא, טאטי, מאך שוין קידוש!" האט דער ראש ישיבה אים געזאגט שטרענג: "פאר א טאטע טאר מען נישט זאגן נא, נאר מען דארף שיין ווארטן".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו די פיר יעריגע יוסף מיט א שמייכל: "די וואך וועט יוסף מוקיר שבת אויפהייבן די בעכער". נאך קידוש האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט אין שול; דער ראש ישיבה האט אויסגעלויבט די קינדער אז זיי האבן געדאווענט הערליך, אויסנאם שיין.

מען איז געגאנגען זיך וואשן, דער ראש ישיבה האט געוואשן די קינדער און מען האט אנגעפאנגען צו עסן די סעודה. דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער ווייסט פארוואס מען עסט שבת טאמעטא דיפ און עגפלענט?" האט ראש ישיבה געענטפערט ווייל עס מאכט אז מען זאל ליב האבן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (ספר המדות אות אהבה סימן יא): "הַשּׁוּם מְסֻגָּל לְאַהֲבָה", קנאבל ברענגט ליבשאפט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער מיט א שמחה אז דאס יאר גייט מען שוין עסן ברסלב'ע מצות פון די ניי געעפנטע מצה בעקעריי אין שטעטל, אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז יעדע שטיקל חלה וואס מען עסט יעצט האט מען א מצוה, ווייל מען רוימט אויס די חמץ.

איינער פון די קינדער האבן פארציילט פאר'ן ראש ישיבה וועגן איינעם וואס ער האט געטראפן די וואך, א נישט הונדערט פראצענטיגער מענטש, דער ראש ישיבה האט אים זייער אנגעווארנט אז ער זאל חס ושלום נישט האבן צו טון מיט אים, ווייל יענער איז א נארישער מענטש און ער איז נישט געזונט. דער ראש ישיבה האט אנגעזאגט פאר אלע קינדער אז מען זאל נישט רעדן צו קיין נישט געזונטע מענטשן, און נישט האבן צו טון מיט זיי.

די קינדער האבן נישט פארשטאנען פארוואס מען זאל שטיין ווייט פון אים, זיי האבן געפרעגט: "ער זעט דאך אויס ווי א נארמאלער מענטש??" האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט: "פאלגסט מיך, איך ווייס וואס איך רעד, איך וויל נישט איר זאלט רעדן מיט דעם מענטש".

איינע פון די קינדער האבן זיך געדרייט אין קאך און געשטערט ווען מען האט סערווירט די זופ, האט דער ראש ישיבה איר צוגערופן און געהייסן אז זי זאל זיך שיין אראפזעצן אויף איר פלאץ. זי האט זיך זייער באליידיגט און האט אנגעפאנגען וויינען... האט דער ראש ישיבה געזאגט שטרענג אז זי זאל שוין אויפהערן צו וויינען. אבער ווען זי האט ווייטער געוויינט האט דער ראש ישיבה זיך געגעבן א שטעל אויף און איר שטרענגערהייט געזאגט אז אויב זי וועט נישט אויפהערן וויינען וועט מען איר דארפן ארויסטראגן אינדרויסן, מיט דעם האט זי זיך בארואיגט.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די געסט, אויב ביי זיין טאטע איז מען אויך שטרענג, און מען איז מחנך די קינדער מען זאל פאלגן; דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף זיין חתונה געהאטע זון מיט א שמייכל און געזאגט: "קוק ווי שיין ער איז אויסגעוואקסן נאר ווייל איך בין געווען שטרענג מיט אים".

מען האט אריינגעברענגט די זופ און דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט פאר די קינדער צו עסן מיט דרך ארץ און נישט מאכן קיין גערודער ווען מען שלינגט די זופ. שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך געדענק

<<<<

נאך ווען די קינדער זענען געווען קליין און זיי האבן געגעסן ווי בעיבי'ס, יעצט זענען זיי שוין גרויס ברוך השם און זיי עסן שוין מיט דרך ארץ".

איינער פון די קינדער האבן אנגעפאנגען צו עסן די זופ ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן זינגען, האט דער ראש ישיבה אויסגעלערנט פאר די קינדער אז עס איז נישט קיין דרך ארץ צו אנהייבן עסן פאר די טאטע עסט. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דער טאטע דארף אויך האבן דרך ארץ צו ווארטן ביז די מאמע קומט אריין צום טיש.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן פארציילן א מעשה: איינמאל איז דער הייליגער רבי זושא געגאנגען באזוכן זיין ברודער דער הייליגער רבי אלימלך. אינמיטן דעם באזוך איז אריינגעקומען רבי אלימלך'ס ווייב און זי האט אים געפרעגט וואס ער וויל האבן פאר נאכטמאל. האט רבי אלימלך איר געענטפערט; "איך וויל מער נישט האבן קיין קאשע, איך ברעך שוין פון קאשע, איך וויל היינט האבן לאקשן". רבי זושא האט זיך זייער געוואונדערט אויף זיין הייליגער ברודער, וואס גייט אים אן וואס ער עסט פאר נאכטמאל, וואס די ווייב ברענגט אריין דאס עסט מען, און פארוואס ער רעדט אזוי, 'איך ברעך שוין פון קאשע'.

האט דער הייליגער רבי אלימלך אים מסביר געווען: "איך וויל מער נישט קיין קאשע, נישט די קאשע וואס מען עסט, איך וויל מער נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן! איך וויל האבן לאקשן וואס איז לא קשיא".

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט די מעשה אז וועגן דעם עסט מען שבת לאקשן, ווייל 'לאקשן' איז ווי די ווערטער 'לא קשיא', מען זאל נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

מען האט אריינגעברענגט די פלייש און לכבוד ראש חודש האט מען אריינגעברענגט א עקסטערע קוגל - לאקשן קוגל. שפעטער האט מען אריינגעברענגט אייסעס; קליינע גלעזלעך מיט פארפרוירענע אראנדש דשוס, דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר ווער עס האט געזאגט א מעשה פון תפילה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס קען אויך זיין א מעשה פון עפעס וואס מען בעט דעם אייבערשטן אפילו ס'איז נאכנישט געשען.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארגעליינט די מעשיות פון תפילות וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, און מען האט געבענטשט.

נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט נאש און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "ש'כח אייבערשטער אז מיר זענען אידן, און מיר האבן אזא הייליגע שבת! וואס טוען יעצט די גוים? זיי ארבעטן, זיי האבן נישט קיין שבת סעודה".

די קינדער האבן אנגעפאנגען מאכן חידות פאר'ן ראש ישיבה, זיי האבן געבעטן דעם ראש ישיבה זאל זאגן פינף מאל די ווארט, און צוואנציג מאל יענע ווארט. דער ראש ישיבה האט זיך געמאכט ווי למשל ער האט נאך קיינמאל נישט געהערט די חידה, און ווי ער איז טאקע געווארן פארמישט מיט די ווערטער... עס איז מיר געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו די קינדער און מאכט זיי פרייליך.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער: "יעצט זאלן ענק זאגן 15 מאל 'דער אייבערשטער האט מיך ליב!'" און דער ראש ישיבה איז געזיצן מיט פארמאכטע אויגן און זיך צוגעהערט. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעצט זאגט'ס 9 מאל איך האב ליב די אייבערשטער!". נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט זיי זאלן זאגן 20 מאל 'וואס די אייבערשטער טוט איז גוט!' און יעצט זאלן זיי זאגן 18 מאל 'די אייבערשטער איז דא!' און אזוי ווייטער נאך אסאך זאכן האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט זיי.

צום סוף האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איינער פון די קינדער זי זאל זאגן דריי מאל 'איך האב ליב ווי אזוי איך זע אויס, איך האב די שענסטע פנים'. און אויך 'איך וויל נישט אויסקוקן ווי קיינעם, און איך דארף נישט קיינעם'ס זאכן'. זי איז געווארן זייער פארוואונדערט און זי האט געפרעגט איר מאמע שטילערהייט: "ווי אזוי ווייסט טאטי אז איך האב נישט ליב ווי אזוי איך זע אויס"? האט דער ראש ישיבה געשמייכעלט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קינדער; דער ראש ישיבה האט געזונגען 'מען עסט חלה מיט פיש' און אלע קינדער האבן געענטפערט לכבוד שבת קודש! 'מען עסט זופ מיט לאקשן', און אלע קינדער האבן געענטפערט לכבוד שבת קודש! 'מען טוט זיך אן שבת'דיג', לכבוד שבת קודש! און אזוי ווייטער אלע זאכן וואס מען טוט לכבוד שבת קודש.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען די ניגון וואס גייט לויט די א-ב, הייליגער באשעפער איך וויל האבן אמונה אין דיר, הייליגער באשעפער איך בענק זיך צו דיר, און אזוי ווייטער לויט אלע א-ב. די קינדער זענען געשטאנען ארום דער ראש ישיבה און דער ראש ישיבה האט אריינגעזאגט פאר יעדע קינד אין די אויער איין אות, וואס ער האט איבערגעזאגט הויך.

"ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, מען האט געפילט די פריילכקייט אין די לופט, עס איז געווען אזוי געשמאק און פרייליך.

# קלאסיפיידס

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
347–543–8313

---

32GB Micro SD $7
64GB Micro SD $9
32GB Usb $6
64GB Usb $7
Free delivery NY and NJ over $35
רופט משה ארי׳ שניטצלער
347–675–8187

---

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING



• Luxury all inclusive Auto Broker
• Prices reduced below dealer invoiced rates
• Free expedited pickup and delivery nationwide
• Specializing in hard-to-locate cars
• Lowest rate insurance services included
• Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

---

SPIFF CUTS

Haircuts for girls
Amazing prices on wash and sets
Call now to book your appointment

Libby Einhorn
929-214-9346

---

ComfortZone
All day headgear.
All night sleepwear.

Fully stocked with a huge selection of spring 22 headgear
We also carry ladies and teen nightgowns
Located in 1 Gafen Ln Kiamesha Lake, NY 12751
Right side entrance
845-397-7619

---

## Personality Jewelry
## Sold by Breindy Tyrnauer

Everything to enhance a lady, kallah, and girls appearance for great prices
I also do ear piercing with experience for newborns and all ages
Ready to serve anytime by appointment
347-228-2931

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער
פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט
צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347–578–4449

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב




**פרייליכע נייעס קומט אריין אז מען האט נארוואס אפגעקויפט א גרויסע שיינע קאנטרי פאר אנשי שלומינו וועלכע פארמאגט צווישן די פולע מעלות הערליכע פאנאראמעס ארום און ארום, און נאך. די קאנטרי געפונט זיך אין שטעטל און איז אין די גרעניצן פונעם עירוב וואס נעמט ארום דעם שטעטל.**

**דער קאנטרי פארמאגט אין זיך 25 באנגעלאוס וכל הקודם זכה.**

**ווער עס וויל א באנגעלאו פאר דעם קומענדיגן זומער הבא עלינו לטובה, זאל זיך מעלדן ווי פריער צו**
**האברך ר' ישעי' איידליס הי"ו**
**347-831-1391**

# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי גְרָאז

קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶוער וִויל קוּמֶען מִיט טַאטֶע אַבִּיסְל אִין פֶּעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיעֶךְ: "אִ אִ אִ אִ אִ אִ אִ י ךְ ךְ ךְ ךְ ךְ ! ! !"

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶּעלְד אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי: טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה:

"וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אֵיינְמָאל זוּמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה זִי זָאל רוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעזָאגְט: 'וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, זֵיי ווִילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי עֶרְוַוארְטְן גָארְנִישְׁט, זֵיי ווִילְן נָאר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי'".



אַהַהַהַ, ווִי גֶעשְׁמַאק!

דֶער טַאטֶע זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען אַ נִיגוּן, לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "שְׁכֹּחַ, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן מֶען זִינְגְט וַוייטֶער: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיר מִיר", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר!"

# טרעף
די פאלגנדע ווערטער

# טרעף 14 מאל
## לג בעומר

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ה | ר | ר | ל | צ | צ | ר | ל | ל | כ | ח | ב | נ | ר | צ | ג | ב | ק | ק | ס | ה | ק | א | ד | פ |
| ת | ת | ז | ד | ס | ג | ת | ג | מ | א | ר | ת | מ | ז | ר | ל | מ | ש | ש | ר | ס | ב | ב | ר | ק | פ |
| פ | ס | ק | ס | ה | ד | ב | ט | פ | ו | ה | ת | א | ח | ח | ג | א | נ | ס | מ | י | ח | ק | צ | מ | ל |
| כ | ט | כ | נ | ש | ע | נ | ע | פ | א | ע | נ | א | ג | י | ב | ג | ע | ב | ו | ג | ג | מ | נ | ע | מ |
| צ | ד | ד | ז | ו | ז | ט | ע | ו | ק | ז | ב | ג | מ | ס | ע | ד | צ | י | ע | נ | פ | נ | כ | ר | א |
| ל | פ | נ | מ | ו | ה | ר | ק | ח | מ | ש | ה | ג | ס | ה | ו | ר | ש | ת | ב | ה | פ | מ | ט | ט | ב |
| צ | ג | ר | ע | צ | ס | צ | ע | מ | ע | ר | ט | נ | ל | ר | מ | ת | ח | ע | ג | נ | ת | ל | פ | ד | ו |
| ז | ל | ב | מ | נ | ח | ק | ר | ס | נ | ס | ש | ו | ס | ו | ר | ח | ב | כ | ל | ג | ב | ע | ו | מ | ר |
| ת | ס | צ | ע | ו | כ | ה | נ | נ | מ | ל | ז | מ | ע | כ | ל | מ | ד | פ | ז | ה | כ | ו | ב | מ | ב |
| ס | ס | ל | א | ו | ע | ה | ק | ס | ב | ט | צ | ב | פ | ה | ג | ז | ו | ח | ס | ס | מ | ר | ו | ת | ב |
| ד | מ | ט | ג | י | מ | ב | ע | מ | ס | ת | ג | פ | כ | ל | ב | ג | ל | ע | ד | ג | ה | ע | צ | ר | ר |
| ז | ס | ק | ה | ה | ג | ר | ג | צ | ח | ל | ת | ד | צ | ו | ע | ל | א | ק | ב | ג | ב | ר | צ | ר | ס |
| ד | ט | מ | ב | ס | ז | ב | ה | ל | ת | ס | ל | ק | ר | ו | ו | א | כ | צ | ת | ג | ו | ב | ס | ג | ב |
| ה | א | ב | כ | מ | ז | פ | ח | ק | ז | ג | ה | ה | כ | ש | מ | ד | ש | צ | ל | ו | ל | ה | ט | ח | ה |
| ו | ל | ג | ב | ע | ו | מ | ר | ד | ש | ת | ב | ק | מ | ש | ר | ס | ה | נ | כ | נ | נ | מ | ב | ע | י |

העלך
נחמן
נתן
אנקומען
צום ל"ג
בעומער
פייער









# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כב.** כְּשֶׁיֵּשׁ אֱמֶת יֵשׁ שָׁלוֹם.

**טייטש.** אויב עס איז דא אמת איז דא שלום.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 3 | | | 1 | 2 | 6 |
| | | | | | |
| | | | | | |
| 5 | | | | 3 | |
| | | 2 | | 5 | |
| | | 1 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 6 | | 8 | 1 | 5 | | 4 | |
| | 4 | 2 | | | | 5 | 6 | |
| 5 | | 7 | 2 | 6 | 4 | 1 | | 3 |
| | | | 4 | 3 | 9 | | | |
| | | 8 | | | | 4 | | |
| | | | 1 | 7 | 8 | | | |
| 2 | | 9 | 7 | 4 | 6 | 3 | | 5 |
| | 3 | 6 | | | | 9 | 2 | |
| | 5 | | 9 | 2 | 3 | | 7 | |



# חידות
אפטיילונג

**ווערלכע סארט חלה מאכט מען די וואך?**

- - - - - - - - - - - - - - -

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווען מען האלט די מצה די האנט האלט מען

ענטפער: גאט אין די האנט

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**נחמן ברוך יאקאבאוויטש נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# בילדער
## אפטיילונג





מען פארקויפט די חמץ ביים דיין שליט"א אין היכל הקודש וויליאמסבורג


מען פארקויפט די חמץ ביים דיין שליט"א אין שטעטל


א סדר אין תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ה'


א סדר אין תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ד'


א סדר אין תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה א'


א סדר אין תלמוד תורה קרית ברסלב קינדערגארטן



אין "פעסט בילד" אפיס דינסטאג ערב פסח



ביים גרויסן פארם לאט דינסטאג ערב פסח



ברית פון בן ר' יצחק אביש הי"ו דינסטאג ערב פסח



ביים סעודת ברית אין פאליש פון בית המדרש



לחיים / ווארט / תנאים פון תלמוד הישיבה יודי אייזנער נ"י
מיט תלמידה בית פיגא בת ר' יואל טייטלבוים נ"י - ד' מצורע



לוויה פון ר' יצחק ראזענבערג ז"ל אין יבנאל - ער"ש מצורע



אפשערן פון הילד חיים יחזקאל נ"י בן ר' אברהם יושע
וועבערמאן הי"ו - חול המועד פסח



חדר פירן פון הילד חיים יחזקאל נ"י בן ר' אברהם יושע
וועבערמאן הי"ו - אסרו חג פסח



א שעפסעלע אין תלמוד תורה קרית ברסלב ערב פסח



די קינדער באטראכטן דעם שעפסעלע




די קינדער גייען צום מצה בעקעריי



א מצה אין אויוון אריין לשם מצות מצוה



ראש ישיבה באזוכט אין חדר קרית ברסלב פאר פסח



גרויסע חלוקה פאר אלע תושבי העיר פון קרית ברסלב



מים שלנו ערב פסח אין מצה בעקעריי



פריילינכע טענץ נאך מים שלנו



שריפת חמץ ערב פסח



ביים זאגן כל חמירא מיט די קינדער נאך שריפת חמץ





ביים מאכן די ברכה אויפ'ן עירוב אין שטעטל ערב פסח





מען באקט מצות ערב פסח אין קרית ברסלב





מיט די קינדער אינעם פארק "טאנץ מיט אמונה"